



בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

שנה י"ז - גליון 782
זמנים: עש"ק 7:52 – מוצש"ק 9:21

פרשת אמור - פרקי אבות פ"ד
עש"ק י"ח אייר – ל"ג בעומר - שנת תשפ"ה לפ"ק

## <u>מודעה טויש אין סדר</u>
## דעם פרייטאג ל"ג בעומר וועט נישט זיין קיין חדר

## מען גרייט זיך צום גרויסן טאג ל"ג בעומר!

**א יעדן טאג** די וואך האבן מיר ב"ה געזינגען לעבעדיג און הארציג די שיינע ניגונים פון ל"ג בעומר, מיר האבן זיך שיין צוגעהערט איבער דעם דערהויבענער טאג וואס ווערט אפגעראכטן ביי כלל ישראל. מיר הערן זיך צו אז אסאך אידן פארן קיין מירן צו קבר פון רבי שמעון בר יוחאי און ווי מ'דאווענט דארט זייער שטארק און ווי אידן ווערן געהאלפן. אויך הערן מיר אז אסאך קינדער וואס ווערן 3 יאר באקומען דארט פיאות און מען טאנצט דארט זייער לעבעדיג אלעס לכבוד דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי. אזוי הערן מיר אז ביי אונז אין חדר וועט אי"ה מיטוואך נאך די שפיל פון די וואך פארקומען א שיינע הערליכער **"מעמד הדלקה"** באגלייט מיטווארעמע געזאנגען לכבודו של יום **לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי.**. (אלעס בלויז צווישן די ווענט פון חדר נאר פאר אונזערע תלמידים) און אזוי ווי דעם יאר געפאלט אויס דעם טאג ל"ג בעומר פרייטאג און עס וועט נישט זיין קיין חדר דעריבער מאכט מען די הדלקה עטליכע טעג בעפאר פארשטטיט זיך אן מוזיק, אבער גאר פריילך זענען מיר געווארן ווען מיר האבן דאס אלעס געהערט.. זעה באשרייבונג...

## ביי די נוירסערי כיתות גרייט מען זיך!

**ביי די נוירסערי** כיתות גרייט מען זיך צו אויף זונטאג פ' בהר בחקתי נאך ל"ג בעומר, (אזוי ווי היי יאר געפאלט ל"ג בעומר פרייטאג און עס וועט נישט זיין קיין חדר,) ספעציעל צו די מערערע אפשערינ'ס פון אונזערע חברים קע"ה שמחות ביי אידן! ל"ג בעומר ווען מען מאכט פיאות פאר די אלע קינדער וואס זענען שוין געווארן 3 יאר ביז יעצט. און זיי וועלן קומען צו גיין צום **"חדר פירן"** זאגן **די א"ב**, לעקן האניג און זאגן **תורה צוה לנו משה מורשה כמנהגן של ישראל.**

**עפ"י הוראות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א אז די קינדער וואס באקומען פיאות אום ל"ג בעומר דעם פרייטאג וועלן קומען אין חדר און זאגן די א"ב דעם קומענדיגן זונטאג ווען די צייט איז מער רואיג צו קענען ענטפאנגען די מערערע אפשערן קינדער און זיך אפגעבן מיט א יעדן תלמיד די בעלי שמחה סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל אמן..**

**מען האט ב"ה איינגעטיילט** פאר יעדן תלמיד זיין באזונדערע צייט מיט א סדר, פון קומען אין חדר זאגן די א"ב, א יעדע כיתה מיט זיינע זמנים זיינע תלמידים, ווי מען פראבירט דאס צו צושטעלן עס זאל זיין צייט פאר יעדן תלמיד באזונדער לויטן געברויך, לכבוד זיין הייליגע שמחה טאג.

**ביי די געלעגענהייט** ווילן מיר בעטן טאקע אז ווען מ'פראוועט די שמחה פון די אפשערן און שטוב זאל מען זיך איסרעכענען צו זיין צייטליך און ארויס גיין פון שטוב כאטשיג א 20 מינוט פארן זמן וואס מ'האט צוגעטיילט.

מיר קוקען ארויס אויף א פולשטענדיגע קאפעראציע פון די חשוב'ע עלטערן פון די טייערע חאלאקע קינדער כדי נישט צו מאכן פאר א צווייטן אומאיינגענעם וד"ל.

**השי"ת זאל העלפן מיר זאלן זיך אלע אויסבעטן אין דעם גרויסן טאג אלע מיני ישועות און רפואות ברוחניות ובגשמיות "די קינדער זאלן אויסוואקסן מיטן הייליגן ברען צו תורה ויר"ש" וכל מילי דמיטב מען זאלן זוכה זיין צו זעהן פון אלע קינדער'לעך אסאך תענוג ונחת געזונטערהייט מיט אסאך סייעתא דשמיא. בזכות התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי, וכדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו... אמן**

### ווינקל אינהאלט


- **מ'גרייט זיך צו ל"ג בעומר.**
- נוירסערי קלאסן ספעציעלע סדר היום קומענדיגן זונטאג לכבוד די פילע אפשערן'ס קע"ה.
- **פארציילט פאר די קינדער פון רשב"י.**
- דער מיטוואך שפיל פון די מעשה פון רבי שמעון בר יוחאי
- **גראם פון די וואך. ווערטער און באגריפן.**
- געלונגענע טריפ צום געדענקען
- **אריין גע'ארבייט מיט די שׁ שׂ מיט פיל אינטערסאנטקייטן.**
- ערב ל"ג בעומר אין חדר - מעמד ההדלקה.
- **מען קוקט אויפן זייגער.**
- ערב שבועות אין חדר סידי.
- **ווייטער מיט פארשידענע לימודים.**
- ספירת העומר אין חדר.
- **אפוועגן די האר**
- מזל טוב וואונטשן.
- **חכמה'לעך.**
- ברוכים הבאים נייע קינדער.


**נייעס ליין און שער הנגינה !**
**718-407-7460 # 1/5/6**

## פארציילט פאר די קינדער די וואך

**די וואך** ווען מיר גרייטן זיך שיין צום גרויסן טאג ל"ג בעומר די יומא דהילולא פון **התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי** האבן מיר א גאנצע וואך געלערנט און זיך צו געהערט ווי מיין רבי האט אלעס אזוי שיין דערציילט, אויך האט מען אין לאנטש רום שיין פארציילט פארשידענע מעשיות פון ל"ג בעומר און מירון און פון רבי שמעון בר יוחאי, ווי די מעשה פון די גמרא, ווי דער קעניג פון רוים האט געוואלט הרג'ענען רבי שמעון בר יוחאי ווייל ער האט גערעדט שלעכטע זאכן אויף די קעניג, אבער רבי שמעון בר יוחאי האט זיך קודם גוט באהאלטן אין שוהל צוזאמען מיט זיין זוהן רבי אלעזר, די מאמע האט זיי געברענגט צו עסן און צו טרינקען אין בית המדרש,

**נאכדעם זענען זיי אוועקגעלאפן** און זיי האבן זיך באהאלטן אין א הייל, פאר 13 יאר. דארט איז ארויס געוואקסן פאר זיי א בָאקסער **בוים** מיט א קוואל וואסער פון דעם האבן זיי געגעסן און געטרינקען, **מיר האבן זיך צוגעהערט אז דער באקסער בוים מיטן קוואל וואסער זענען נאך דא היינט**, ווי עטליכע רבי'ס האבן עדות געזאגט אז זיי האבן שוין דאס דארט טאקע געזעהן, און מיר וועלן נאך אי"ה דאס קענען זעהן ווען משיח וועט קומען ווען אלע אידן וועלן קומען צופליען קיין א"י מיט משיח'ן צוזאמען.

חרוב צו מאכן די וועלט?. איז רשב"י שנעל צוריק אין הייל פאר נאך איין יאר און נאכדעם ווען רשב"י איז ארויס פון הייל האט ער געזעהן ווי א אלטער איד טראגט אין זיינע הענט **צוויי הדסים לכבוד שבת** און רשב"י פרעגט אים פארוואס דארף ער די הדסים און פארוואס צוויי האט דער איד גע'ענטפערט איינס פאר זכור און איינס פאר שמור האט רשב"י דעמאלטס געזאגט צו זיין זון רבי אלעזר: **זעהסטו ווי די אידן האבן ליב צו טוהן מצוות.** אזוי האבן מיר אלעס שיין מיטגעהאלטן א גאנצע וואך.

## שבח יקר וגדולה יתנו

מיר ווילן זיך אויסדריקן פון טיפן הארצן און זיך זייער באדאנקען פאר דעם חשוב'ן און געטרייער איבערגעגעבענער מענעדזשער פונעם **"בנין ישעי' זאב"** וואס גיבט זיך זייער אפ און העלפט שטארק ארויס די קינדערגארטן מיט סיי וואס אימער מען דארף

**ה"ה האברך החשוב מו"ה יושע העכט שליט"א**

**פארן צושטעלן אזוי שיין אלעס פאר די טריפ'ס**

**און פאר די מעמד ההדלקה**

**לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי**

השי"ת זאל איהם העלפן מיט רב תענוג ונחת מיט הרחבת הדעת וסייעתא דשמיא וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה, בזכות התנא רשב"י ובזכות תשב"ר זאל פאר אייך און די ב"ב נשפע ווערן השפעות טובות לרוב

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים פון סאטמאר קינדערגארטן**

### די חכמים שיקן מיט א טויבעלע צו פרעגן פון רבי שמעון אין די הייל

**אויך האט מען פארציילט** אז ווען די חכמים האבן נישט פארשטאנען דאס לערנען און מ'האט נישט געקענט פרעגן פון רבי שמעון (ווייל קיינער האט נישט געוואוסט ווי ר' שמעון איז זיך געגאנגען באהאלטן) האבן זיי עס אפגעשריבן אויף א צעטל און מ'האט דאס צוגעבינדן צו די פיס פון א טויבעלע און די טויבעלע איז געפלויגן צו רבי שמעון אין די הייל און רבי שמעון האט אויפגעשריבן די ענטפער אויף א אנדערע צעטל די תירוץ אויף די קשיא און צוגעבינדן די צעטל אויף די טויבעלע'ס פוס און די טויבעלע האט צוריק געטראגן די צעטעלע צו די חכמים און דעמאלטס זענען די חכמים געווארן זייער פרייליך ווען זיי האבן שוין געוואוסט ווי אזוי מען דארף צו לערנען

**אזוי הערן** מיר ווייטער אז א גאנצן טאג איז רבי שמעון מיט ר' אלעזר דארט געזעצן אין זאמד, ווי זיי האבן געלערנט די הייליגע תורה, און ווען זיי האבן געדאווענט האבן זיי זיך אנגעטוהן זייערע קליידער, 12 יאהר זענען זיי קודם געווען באהאלטן אין די הייל, ביז **ווען אליהו הנביא האט דערציילט פאר רבי שמעון בר יוחאי** אז זיי קענען שוין אהיים גיין ווייל דער קעניג איז שוין געשטארבן, זענען זיי אהיים געגאנגען פריילעכערהייט, אויך האט דער מנהל פארציילט אז ווען ר' שמעון איז ארויסגעקומען האט ער געזעהן ווי א מענטש בויעט א הויז און רשב"י פרעגט: מ'האט איבער געלאזט די תורה אין מען בויעט הייזער? און דער גאנצער הויז מיט אלע זאכן האבן זיך פארברענט אזוי ווייטער מיט א פעלד. נאכדעם איז **ארויס געקומען א בת קול און גערעדט צו רשב"י** ביזט ארויס געקומען פון די הייל

**נאך הערן מיר פארשידענע מעשיות פון רשב"י** ווי ער איז געגאנגען אויפן גאס אמאל און זעהט אז איינער פורבירט כאפן פייגעלעך און אזוי זעהט ער **ווי אמאל כאפט ער יא און אמאל כאפט ער נישט די פייגעלעך** און ר' שמעון וויל וויסן וואס גייט דא פאר ווען כאפט ער יא און ווען כאפט ער נישט די פייגעלעך, האט ער געבעטן צום הייליגן באשעפער אז ער וויל וויסן., **האט ער געהערט ווי א בת קול רופט אויס** אז די פייגל גייט מען **"יא"** כאפן און אזוי איז טאקע געווען און ווען ער הערט אז די פייגעלע גייט ער **"נישט"** כאפן איז טאקע אזוי געווען.. האט ר' שמעון געזעהן אז אלעס טוט נאר די באשעפער אליין.

**אויך הערן מיר אז** אמאל איז ר' שמעון בר יוחאי ארויס אויפן גאס און ער זעהט ווי א שווארצע מלאך קומט און ער וויל טון שלעכטע זאכן האט ר' שמעון געפרעגט דעם מלאך **"איך בין דא אויף דער וועלט און די קומסט טון שלעכטע זאכן ?"** האט דער מלאך גע'ענטפערט אז דער באשעפער האט מיך געשיקט ... האט ר' שמעון געגעבן א שריי **"גיי שוין אוועק פון דא"** און דער מלאך האט געפאלגט דעם צדיק ר' שמעון און ער איז אוועק געפלויגן.

**מיר הערן אז ארום ר' שמעון איז אייביג געווען א ליכטיגקייט פון די שיין פון זיין הייליגע תורה...**

## די מיטוואך פלעי אין עס זאל די מעשה פון רבי שמעון בר יוחאי

**די וואך** איז געקומען די רייע אויף די כיתה פון **הרב יואל טויב שליט"א** ווי די קינדער האבן אהער געשטעלט א שפיל הערליך שיין פון די ל"ג בעומר מעשה מיט רבי שמעון בר יוחאי...

**מיר זעהן** א גאנצע שון מיט אידישע טאטעס א רב א דיין א רבי זיי לערנען אין א שול (**שמחה ישכק לעבאוויטש, אהרן מאיר לעווינגער, שמואל אליעזר זאב מייזעלס,** ) מיט ר' שמעון און מיט זיין זון ר' אלעזר (**אברהם מאיר ווייס**) . און נאכדעם הערן מיר ווי די דריי הייליגע רבי'ס ר' יהודא, ר' יוסי, און ר' שמעון, (**יודא ארי' אפענהיים, וואלווי ווייס, וואלווי זילבערשטיין**) זיצן און זיי רעדן וועגן די קעניג מיט זיינע זאכן וואס ער בויעט, די ברידזשע'ס, די פארק'ס, און די בעדער. ר' יהודא רעדט גוט'ס, ר' יוסי בלייבט שטיל, און ר' שמעון זאגט אז דער קעניג מאכט, אלעס פאר זיך אליין... דארט זיצט אויך א מענטש יודא בן גרים (**אהרן דוב טאבאק**) און ער הערט וואס זיי רעדן, שפעטער פארציילט ער דאס איבער צום קעניג. מיר זעהן ווי עס זיצט דער גרויסער קעניג (**טובי' גדלי' ווייס**) פון רוים זיצט מיט זיינע צוויי באדינער (**אשר יונה פילאפף, בערל רובינשטיין**) ביי די צוויי זייטן. און ווען דער קעניג הערט אז ר' שמעון האט גערעדט שלעכטס אויף איהם ווערט ער זייער ברוגז וואס זיי האבן גערעדט. מיר הערן דעם קעניג שרייען **וואס?!!!** אלע קינדער מאכן אים נאך **וואס?!!!** און ער הייסט אז מ'דארף גיין כאפן רבי שמעון. עס קומען צו גיין די פאליציי (**שמחה טייטלבוים, מרדכי יאקאב, אלטער יודא ליכטענשטיין**) אויך זעהן מיר ביי די זייט די שטרענגע סאלדאטן (**יוסף ביקעל, אברהם דוד ג'ברא, לייבי**

**האניג, משה אלי' הירש, שמעון הירש)** זיי אלע הייבן אן זוכן ר' שמעון איבעראל מיר זעהן זיי דרייען זיך ארום און שרייען ווי איז ר' שמעון ??...

**מיר זעהן** ווי אין שוהל לערנט ר' שמעון מיט זיין זון ר' אלעזר זיי באהאלטן זיך דארט, און ווען אלע מענטשן ענדיגן צו דאווענען זיי גייען אהיים, בלייבט דארט נאר ר' שמעון מיט זיין זון ר' אלעזר, די מאמע **(ישראל שאלאמאן)** ברענגט צו עסן ברויט מיט וואסער זי לייגט עס אראפ לעבן די שוהל, ר' שמעון נעמט עס נאכדעם.

**נאכדעם זעהן מיר** אלע פאליס מיט די סאלדאטן לויפן ארום זוכן ר' שמעון. זיי שרייען אויף די מאמע "ווי איז ר' שמעון??" דעמאלטס איז ר' שמעון מיט זיין זון ר' אלעזר אוועק געלאפן זייער ווייט ביז די הייל, מיר זעהן ווי ר' שמעון מיט זיין זון ר' אלעזר קומען אן צו א וואלד און זיי קריכן אריין אין די הייל זיי לערנען דארט די גאנצע צייט.

**דארט לעבן די הייל** זעהן מיר וואקסט ארויס א באקסער בוים מיט א ברונעם וואסער און ר' שמעון קומט אראפ נעמען פון די באקסער און אויך וואסער צו טרינקען. ווען ר' שמעון גייט אריין אין הייל לייגט ער זיין בעקיטשע אינדרויסן ווייל ער וויל נישט אז עס זאל ווערן זאמטוג, אבער צום דאווענען טוט ער עס יא אן.

**מיר זעהן** ווי די צדיקים אין שוהל ווילן עפעס פרעגן קומט מען צום שרייבער **(ברוך שלמה מיטעלמאן)** און מ'שרייבט א צעטיל צו ר' שמעון און ס'קומט צו פליען א פייגל **(דוד יושע שעהר)** ער נעמט די צעטיל און זיין מויל און ער פליהט צו ר' שמעון צום הייל און אזוי ברענגט ער צוריק א צעטיל צום שוהל מיט א ענטפער.

**נאכדעם** קומט אלי' הנביא **(יוסף שמואל קאהן)** און שטייט לעבן די הייל און זאגט הויעך: ווער ווער ערט אויסזאגן פאר ר' שמעון אז דער קעניג פון רוים איז שוין געשטארבן און מ'זוכט אים שוין נישט.. זעהן מיר ווי די הייליגע צדיקים ר' שמעון מיט זיין זון ר' אלעזר קומען ארויס פון די הייל ווייל זיי גייען שוין אהיים גיין. אינמיטן וועג זעהן זיי ווי א מענטש **(שמואל חיים מענדלאוויטש)** בויעט א הויז... פרעגט איהם ר' שמעון די לערנסט נישט קיין תורה ? די בויעסט א הויז ? פלוצלינג פליהט אוועק די גאנצע הויז.. אזוי גייט ער ווייטער זעהט ער ווי א מענטש **(שמחה יששכר לעבאוויטש)** בויעט און א פעלד פרעגט איהם ר' שמעון די לערנסט נישט קיין תורה ? די ארבייטס אין א פעלד ? פלוצלינג פליהט אוועק די גאנצע פעלד..

**דעמאלטס איז ארויס א בת קול..** אלע קינדער זאגן: ר' שמעון!! די ביסט ארויס געקומען פון די הייל חרוב צו מאכן די וועלט? זעהן מיר ווי ר' שמעון לויפט שנעל צוריק אין די הייל.. פאר נאך אביסל. אבער נאכדעם זעהט ר' שמעון מיט זיין זון ר' אלעזר ווי א מענטש לויפט **(אברהם שלמה ריספלער)** מיט 2 הדסים אין זיינע הענט, פרעגט איהם ר' שמעון פארוואס לויפסטו און פארוואס דארפסטו די הדסים ? ענטפערט יענער מענטש: **לכבוד שבת**, פרעגט ר' שמעון פארוואס דארפסטו צוויי? ענטפערט ער **איינס פאר זכור און איינס פאר שמור...** אזוי זאגט ר' שמעון פאר זיין זון ר' אלעזר זעהסטו ווי שטארק די אידן האבן ליב צו טוהן מצות... **נאכדעם** איז ר' שמעון שוין אהיים געקומען איז דער צדיק ר' פנחס בן יאיר **(ישי שעהר)** געקומען זאגן שלום עליכם פאר זיין איידעם ר' שמעון און זיין אייניקל ר' אלעזר..

## ערב ל"ג בעומר אין חדר!

**די הערליכע מעמד הדלקה ביי אונז אין חדר** עס איז געווארן זייער פרייליך ווען די מנהל רופט אויס אז יעצט נאך די פלעי וועלן מיר אנצינדן א הדלקה זינגען און טאנצן לכבוד ל"ג בעומר **עטליכע טעג בעפאר די הילולא פון התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי.**

**די עלטערן** האבן שוין אוודאי געהערט פון די לעבעדיגע עדות די טייערע קינדער ווי זיי האבן זיכער שיין איבער דערציילט די דערהויבענקייט וואס מיר האבן געהאט צווישן די ווענט אין **"לאנטש רום"** דעם מיטוואך נאך די פלעי. קודם נעמען די רבי'ס א **ל"ג בעומר שיסער** און שיסן ארויס עטליכע פאלן. דערנאך טרעט מען צו צום מעמד הדלקה די מנהל **פארקויפט** פאר די רביס די **זכותים פון אנצינדן די הדלקה**, ווי די ערשטע פייער האט אפגעקויפט המלמד החשוב **הר"ר יואל ארי' מאלח שליט"א** און מכבד געווען המלמד החשוב **הר"ר יחיאל שטעסל שליט"א** און די צווייטע פייער איז אפ געקויפט געווארן דורך המלמד החשוב **הר"ר יואל טויב שליט"א** און צוגעגאנגען צינדען צוזאמען מיט זיין אייניקל **אונזער חשוב'ן תלמיד יוסף ענגלענדער ני"ו**

ביים אנצינדען די הדלקה פייער'לעך זענען די קינדער געבליבן שיין זיצן אויף די פארענטשעס ארום מ'האט געזינגען ווארימע ניגונים און געבעטן ישועות און רפואות **"בזכות התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי"** דערנאך האט מען אנגעצינדן די הדלקה און אנגעהויבן מיט געהויבענע טענץ (**"עפ"י הוראה פון רבנים ודיינים אז א רבי מיט קינדער מעג טאנצן לחינוך"**) אלע קינדער צוזאמען יעדע כיתה, די רבי'ס און זייערע תלמידים מיט א דערהויבענקייט. געזינגען די באקאנטע ל"ג בעומר ניגונים **"בר יוחאי - ואמרתם - תורתו מגן לנו - אמר ר' עקיבא"** עס איז טאקע נישט געווען מיט מוזיק אבער די קינדער קולות מיט געזאנגען האבן דאס זייער שיין געמאכט געטאנצן ארום און ארום מיט א פריילעכקייט און זינגען **לכבוד התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי** זייער שיין ווארעם מיט א דערהויבענקייט בעז"ה, די פריילעכע שטימונג האט זיך גוט געשפירט אין די לופטן, מיר אזוי געטאנצען א שטיק צייט מיט א דערהויבענקייט...

**וכדאי הוא ר' שמעון לסמוך... אזא טאג וועלן מיר לאנג געדענקען מיט א דערהויבנקייט. האט'ס גע'פועל'ט אלעס גוט'ס אלעס גוט'ס... אכי"ר.**

### קינדערגארטן

**מיר ווערן באריכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.**
**די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערעהערט זייער שיין.**

**ווערטער און באגריפן: באגריפן געפיהלן**

- א הייל איז א פלאץ ווי מ'קען זיך באהאלטן.
א פייגעלע קען טראגן בריוון אזוי ווי א פאסט מענטש.

### גראם פון די וואך ביי די מעשה פון ל"ג בעומר:

- ר' שמעון מיט ר' אלעזר ווייט אוועק געלאפן, ביז א הייל זיי האבן געטראפן.
- דער קעניג מאכט די אלע זאכן שיין, ווייל ער וויל דארט אליין גיין.
- ר' שמעון לערנט אסאך תורה דארט, אפילו ער האט גארנישט אויף דעם ארט.

# א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה

# מעשה רבי שמעון בר יוחאי אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר #1



דער קעניג מיט זיינע באדינער





די גרויסע רבי'ס לערנען אין שול







די גרויסע רבי'ס רעדן פון די קעניג



זאגט אויס ר' שמעון צום קעניג



די פאליציי מיט די סאלדאטן



דער קעניג הייסט זוכן ר' שמעון



די סאלדאטן שרייען ווי איז ר' שמעון ???



ר' שמעון מיט ר' אלעזר באהאלטן אין שול



זיי שרייען צו די מאמע ווי איז ר' שמעון ??



די מאמע ברענגט עסן אין שול



זיי לויפן אוועק



די סאלדאטן אין שול

# מעשה רבי שמעון בר יוחאי אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר #2



זיי קומען אן צום הייל





ר' שמעון מיט ר' אלעזר קריכן אריין אין די הייל



אינעווייניג אין די הייל    די קליידער בלייבט אינדרויסן



דער באקסער בוים  מיט די קוואל וואסער



נעמט אראפ א באקסער





די צדיקים אין שול שרייבן א בריוועלע



די פייגעלע נעמט דעם פאפיר



די פייגעלע פליט



אלע קינדער העלפן פליען



די פייגעלע קומט אן צום הייל



ר' שמעון זעהט די צעטיל



און שרייבט צוריק



די פייגעלע פליהט צוריק

# מעשה רבי שמעון בר יוחאי אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר #3



די רבי'ס פרייען זיך צום בריוו



אלי' הנביא לעבן די הייל



די מענטש וואס בויעט



די מענטש וואס מאכט א שיינע גארטן



די מענטש לויפט מיט צוויי הדסים



איינס פאר זכור און איינס פאר שמור



ר' פנחס בן יאיר    שלום עליכם ר' שמעון!!!!



די צדיקים אין שול שיקן א בריוועלע מיט א פייגל



די פייגעלע נעמט דעם פאפיר



די פייגעלע פליט



די פייגעלע ביים הייל

ר' שמעון שרייבט צוריק



די פייגעלע פליהט.....



אלע קינדער העלפן פליען





זיי לערנען תורה



די הייל פון אינדרויסן

# מעשה רבי שמעון בר יוחאי הערליך אויפגעשפילט ביי די נוירסערי כיתות

אויך ביי די נוירסערי כיתות איז אויפגעשפילט געווארן דאס וואס מיר האבן געלערנט א גאנצע וואך די מעשה פון די גמרא פון רבי שמעון בר יוחאי, אביסעלע לויט אונזער פארשטאנד הערן מיר זיך צו וואס עס האט פאסירט דארט אין רוים, ווי ר׳ שמעון לויפט זיך באהאלטן אין דעם הייל און ווי ער לערנט די הייליגע תורה בייטאג און ביינאכט.

מיר האבן געזינגען אזוי שיין די ל״ג בעומר ניגונים..

נאך דעם שיינעם שפיל האט מען אנגעצידן א קליינע הדלקה און מיר האבן געזינגען און געטאנצן לעבעדיג לכבוד התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי..















# אונזער געשמאקע טריפ צום "פלאשינג מעדאו'ס פארק - זאא" #1



















# אונזער געשמאקע טריפ צום "פלאשינג מעדאו'ס פארק - זאא" #2






















# א יעדן טאג אין חדר מיט א געשמאק



## געלונגענע טריפ צו "פלאשינג מעדאו'ס פארק זאא - מיט די קינדערגארטן כיתות!

**קינדערגארטן: יא מיר וועלן דאס זייער גוט געדענקען** ווי פיין און געשמאק ס'איז געווען דער טריפ וואס מיר זענען געפארן די וואך, מיין רבי האט אונז שוין יענע וואך פארציילט אז ווייל מיר זענען אזוי וואויל און מיר האבן אזוי שיין צוריק געברענגט די אויפפירונג צעטל טשארט פון פסח און דעריבער וועלן מיר באלוינט ווערן ווי מיר וועלן פארן דעם מאנטאג צו א שיינעם געשמאקן טריפ, דער מנהל זאגט אז מען דארף גיין די גאנצע צייט לעבן די רבי, אכטונג געבן נישט גיין לעבן גוים א.א.וו.. א געוואלדיגע שמחה האט אונז ארום גענומען.

**מאנטאג צופרי פסח שני** איז דער וועטער געווען ב"ה אויסערגעוויינטליך שיין און זוניג פיין אנגעווארעמט און א אויסגעקלארטע הימל, ממש ספעציעל געאייגענט פאר א טריפ נישט צו הייס נישט קאלט א מחי', און טאקע ווען מיר זענען אנגעקומען צופרי אין חדר זענען מיר שוין געווען זייער פריילך, היינט פארט מען! מיר קומען אריין אין חדר מיין רבי באגריסט אונז מיט א ווארימען **"גוט מארגן"**, און מיין רבי מאכט זיכער אז אלע קינדער האבן אנגעטוען א ריכטיגן "פין" ווייל ווען מען פארט ארויס פון חדר דארף מען זייער אכטונג געבן. פרישטאג עסן מיר אין די כיתות אביסל געשיקט מיר טוען זיך אביסעלע צו איילן. און די פרייליכע מינוט איז שוין אנגעקומען **"ויסעו"** א געוואלדיגע שמחה האט אונז ארום גענומען, די באסעס זענען גרייט און מיר פארן צו **"פלאשינג מעדאו פארק"** אזוי צו קענען ערמעגליכן פאר יעדן קינד א געשמאקע הנאה, מען גרייט צו אויף יעדן באס פיינע וואסער דרינקס, מען מאכט זיך גרייט מיין רבי לייגט ארויף אויף א יעדן קינד צוויי סטיקערס מיט מיין קלאס רום נאמבער און מיין רבי'ס נאמען צו האבן אויף מיר די גאנצע צייט או אחריות, די באסעס זענען שוין דא מען גייט אראפ אין א שורה. און מען פארט שוין. די רבי'ס רופן אויס אז מיר אידישע קינדער דארפן מאכן א קידוש השם און זיך אויפפירן זייער וואויל שיין מיט דרך ארץ. אויך דארפן מיר געדענקען אז א אידיש קינד דארף היטן די אויגן די גאנצע צייט און נאר קוקן אויף אידישע קינדער...

**מיר זענען אנגעקומען צו "פלאשינג מעדאו פארק"** מיר האבן זיך זייער דערהויבן געשפירט ווען מיר שפאצירן און א הערליכע זאא, מיר כאפן דעם לאנגן שפאציר ווען מיר האלטן אין איין זעהן נאך און נאך שיינע חיות פון אלי מינים בערן, קאטשקעס, אדלער'ס, טוירטל, לייבן, הערשן, פייגעלעך גרויסע און קליינע, א פוקס, סיליען, נאך גרויסע מינע חיות אלעס זייער אינטערסאנט. אויך האבן מיר אליינס מיט אונזערע הענטעלעך געקענט געבן צו עסן פאר ציגעלעך און שעפעלעך מיר זעהן דעם באשעפערס וואונדער די אלע חיות א יעדע מין באזונדער. אוי ווי פיין דאס איז געווען, דאס וועט אונז אוודאי געבן אסאך חשק אויף ווייטער צו זיין וואוילע קינדער'לעך.

**מיר האבן גאר שטארק פארברענגט און הנאה געהאט** מיר זענען געקראכן, געלאפן, און געגליטשט, און הנאה געהאט אויף די פרישע לופט, מיר זענען זייער דאנקבאר פאר די פיינע געלונגענע טריפ'ס, מיר ווילן זיך טאקע שיין באדאנקען פאר אונזערע עלטערן פארן ערמעגליכן צו פארן צו אזא גוטע אויסליפטערינג ב"ה.

**נאכן זיך מחיה זיין ביים זאא** ווען מיר קומען שוין צוריק גייען מיר ארויף אויפן באס האבן אלע קינדער באקומען א פיינע גוטע לאנטש ברויט סענדוויטשעס געשניטענע עפל מיט א פיינע וואסער דרינג. מען פארט צוריק אין חדר אויפגעפרישט, מיר ווילן זיך טאקע שיין באדאנקען פארן ערמעגליכן צו פארן צו אזא גוטע אויסליפטערינג ב"ה. דאס וועט אונז אוודאי געבן אסאך חשק אויף ווייטער צו זיין וואוילע קינדער'לעך. ווען מיר קומען צוריק אין חדר האבן מיר בא קומען און חדר באקומען מיר לכבוד פסח שני א פיינע בלעק און ווייט קוקי, וואס איז נתנדב געווארן דורך א איד לעילוי נשמת זיינע טאטע מיר האבן אלע געזאגט דעם נאמען און געמאכט א הויכע ברכה. **מיר וועלן זיכער געדענקען אזא טאג א לאנגע צייט.**

## מען קוקט אויפן זייגער!

**א ספעציעלע טשארט צעטל** האט מען אהיים געשיקט די וואך מיט די קינדער פון קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן, וואס קען שטארק ארויסהעלפן די עלטערן ספעציעל יעצט אין די זומער טעג ווען דער טאג איז שוין גרעסער און די קינדער שפילן זיך אסאך אינדרויסן, עס איז טאקע שווער אריינצורופן די קינדער פון שפילן און זיי לייגן שלאפן צייטליך, דעריבער האבן מיר פרובירט אויסצולערנען די קינדער אז מען דארף קוקן אויפן זייגער אזוי האלטן א חשבון ביז ווען מען מעג שפילן, און ווען מען דארף זיין אין בעט.




**מיר האבן** נישט אריינגעשריבן א צייט געווי ווען מען זאל פארלאנגען פון די קינדער, ווייל נישט ביי יעדעם איז די צייט, א זייגער אויף א יעדע זאך, מיר האפן אז די קינדער זעלבע, אבער דאס איז זיכער אז עלטערן דארפן מאכן א צייטליך, און זיין אויסגערוהט קומענדיג טאג אין קומען אין וועלן זיך אזוי איינגעוואוינען צו גיין שלאפן מיט א זייגער די קינדער דארפן צוריק ברענגען דעם צעטל קומענדיגע חדר פריש מיט א רואיגן קלארן מח און צופרידענערהייט. וואך אנפאנג וואך און וועלן אי"ה באלוינט ווערן.

**ב"ה במשך פון די וואך** האט מען שוין אסאך צוריק געהערט ווי גוט דער זייגער צעטיל ארבייט. מיר האפן ווייטער ממשיך זיין מיט נאך טשארט צעטליך ווי דאס העלפט שטארק ארויס אין די זומער טעג מיט די קינדער.

**דער זייגער צעטיל נאך א וואך** מיר שיקן אי"ה אהיים א נייע זייגער צעטל און מיר וועלן ווייטער רעדן דערפון אין לאנטש רום כדי מעורר זיין די קינדער די וויכטיגקייט פון גיין צייטליך שלאפן. און כדי די עלטערן זאלן האבן א געלעגנהייט דאס איינצוגעוואוינען פאר די קינדער צו גיין שלאפן צייטליך און ארבייטן מיט אזייגער.

# ברכת מזל טוב

הנהלת קינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב פאר די אלע קינדערלעך בליעה"ר וואס וועלן אי"ה באקומען פיאות דעם ל"ג בעומר הבעל"ט.

מיר האפן אז דער סדר וואס מען האט צוגעשטעלט צום קומען אין חדר בשעטו"צ וועט זיין אי"ה צוגעגרייט דאס בעסטע וואס איז מעגליך על צד היותר טוב, צו ענטפאנגען די קינדער די בעלי שמחה, מיר האבן פראבירט עס זאל זיין וואס גרינגער כאטש די צייט איז ענג קע"ה.

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אלע מגדל זיין דעם קינד און אלע אייערע קינדערלעך גרינגערהייט לתורה לחופה ולמעשים טובים, איר זאלט זעהן נאר תענוג און נחת פון זיי און די גאנצע משפחה בבריות גופא ונהורא מעליא ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין אנטקעגן גיין דעם גואל צדק בב"א.

## ווייטער מיט די פארשידענע לימודים ספעציעל פאר נוירסערי און פרי קינדערגארטן

**די וואך** האבן מיר די **נוירסערי** ווייטער פארגעזעצט מיט דעם וויכטיגן **לימוד פון די קאלירן .**

**מיר זענען** געווען פארנומען מיט די קאליר פון" **רויט**" א ספעציעלן ביכל וואס אויף א יעדן בלעטל האבן מיר געטוהן עפעס אינטערסאנט. די הענט'לעך זענען געווען זייער פארנומען, מיין רבי ווייזט אונז ביי יעדן בלעטל וואס מיר דארפן דא טוהן, ווי **פעינטן, קאלירן, לייגן סטיקערס** **אדער נאך זאכן.** אזוי ווייטער נאך אינטערסאנטע אקטיוויטעטן וואס האט שייכות מיט די קאלירן.

**די וואך** האבן מיר די **פרי קינדערגארטן** כיתות געטוהן די **כשרונות** ביי די ל"ג בעומר ארט'ס מיר האבן געמאכט א שיינע זאך מיטן קאלירן און לייגן די באלי סטיקער'ס, אזוי אויך האבן מיר געמאכט די מעמארי געים פון די שעיפס פון באקס און רינגל, פסח שני מיט ל"ג בעומר זאכן.

## מיר לערנען שוין שׁ שׂ

**קינדערגארטן:** די וואך ווען מיר האבן געלערנט **די אותיות שׁ שׂ** האבן מיר געטוהן פארשידענע אינטערסאנטע זאכן, כדי מיר זאלן זיך גוט איינקוקן יעדעס מאל און וויסן אויף וועלכע זייט איז די פינטעלע, רעכטע זייט אדער לינקע זייט. מיין רבי אונז אריינגעברענגט א צעטל מיט אסאך ש אן פינטעלעך, און מיר האבן אליינ'ס געלייגט די פינטעלעך און הויך געזאגט שׁ שׂ אז ווען די פינטל איז אויף די ערשטע שטעקן איז דאס א שׁ און ווען די פינטל איז אויף די לעצטע שטעקן א שׂ אזוי האפן מיר דאס גוט צו חזר'ן געדענקען און קענען אלע א"ב.

## התורה חסה על ממונן של ישראל

אסאך קינדער האבן די זעלבע מיני דזשעקעט'ס די קינדער ווייסן נישט קיין חילוק, און ביים אנטוהן מאכט זיך פיל מאל אז זיי נעמען יענעמ'ס און עס ווערט א שטארקע פראבלעם, די דזשעקעטס מישן זיך אויס, עס ווערט פארטוישט... (אוודאי דארף מען האבן א פין דאן זעהט מען גלייך וועמענ'ס דאס איז) אבער מיט דעם אלעם **איז זייער וויכטיג ארויף צו נייען א לעיבל מיטן נאמען און טעלעפאן נאמבער.**

<u>**ווען א קינד האט א מאנטל אדער דזשעקעט פון א קאזין זאל מען זעהן צו טוישן דעם לעיבל.**</u>

נ.ב. אין פאל ווען א קינד ברענגט אהיים א צווייטענ'ס דזשעקעט זאל מען תיכף רופן און אפיס און דאס צוריק שיקן דעם אנדערן טאג כדי דאס צו קענען אפגעבן...

## ספירת העומר יעדן טאג!

**יעצט** ווען מיר האלטן ביי די ספירה **טעג** טוען מיר אויך די מצוה יעדן טאג אין לאנטש רום מיר זינגען אזוי שיין לאמיר ציילן לאמיר ציילן ספירת העומר, היינט איז די'........ טאג.

דערנאך זאגן מיר אלע צוזאמען "היום... לעומר".

## אפוועגן די האר

ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה. (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט

**ביטע רופט : הרב משה קאהן שליט"א 929.287.2354**

ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.

## סדר פון טוישן א באס סטאפ

## **וויכטיגע דערמאנונג צו די חשוב'ע עלטערן שיחיו**

מיר ווילן אויפמערקזאם מאכן אז אויב מען ברויך טוישן א באס סטאפ פון א קינד, קען מען דאס טון נאר מיטן אריין רופן אין אפיס פון קינדערגארטן אויף דעם טעלעפאן נאמבער 718-407-4760 דריקט 1, און דערנאך 2, צוטוישן א באס סטאפ. בכלל איז נישט גוט צו טוישן א באס סטאפ נאר אז מ'דארף וויכטיג. א באס סטאפ טויש קען אדורך גיין נאר אויף דעם וועג און נישט מיטן שרייבן א צעטיל אדער צו שרייבן צו א מצוה צעטיל. אדער זאגן פאר א באס רבי... עס פארשטייען אלע עלטערן אז דאס דארף געמאכט ווערן און באגלייט ווערן מיט א גרויסע אחריות אז סיי דער מלמד פון קינד, און סיי דער באס רבי, מיטן דרייווער דארפן דאס באקומען און איבערגעגעבן ווערן צום קינד מיט אחריות..

מ'קען אריינרופן נישט שפעטער פון 2:00 אזייגער,

פרייטאג קען מען נישט טוישן נאר אין פאל פון עמערדשענסי נישט שפעטער פון 10:30.

בעסער קיינמאל נישט זיך פארלאזן צו רופן אין די לעצטע מינוטן, ווי פריער איז בעסער.

ווען מ'רופט דארף מען איבער לאזן א מעסעדזש אויפן מאשין, ביטע אריין זאגן קלאר און שטאט - דעם נאמען פון קינד, - נאמען פון מלמד, - דער אדרעסס וואו מען דארף גיין, - דער טעלעפאן נאמבער פון דעם פלאץ, - פון ווען, און ביז ווען, מען זאל טוישן דעם סטאפ.

דער סדר איז נישט צוריק רופן.

אויב מען לאזט א מעסעדזש נאך די באשטימטע צייט וועט מען נישט טוישן דעם קינד'ס באס סטאפ.

מיר ווילן אויך באמערקן אז טראץ דעם וואס מיר פראבירן אכטונג צו געבן ווי ווייט מעגליך אז די קינדער זאלן אהיים גיין אויף די באשטימטע באסעס, קען זיך דאך אמאל מאכן צווישן אזוי פיל קינדער בלעה"ר אז א קינד גייט נישט ארויף אויף דעם ריכטיגן באס, מיר פארשטייען אז די עלטערן ווערן זייער אנגעצויגן דערפון, אבער עס איז נישט דא וואס צו זיין באזארגט, נאר מען דארף רופן די צענטראלע ישיבה'ס אפיס [טראנספארטעישאן דעפארטמענט] אויף דעם פאלגענדן נאמבער 1123 Ext: 718-797-2888 , זיי זענען פארבינדן מיט אלע באס דרייווער'ס מיט ראדיא אפאראטען און מען וועט אי"ה ארויס העלפן דאס בעסטע וואס איז שייך.

ביטע אפשניידן און לייגן נעבן טעלעפאן

✂-----------------------------------------------------------------------------

| | |
|---|---|
| **מוסדות סאטמאר וויליאמסבורג** | **718-407-4760** |
| **נוירסערי קינדערגארטן** | **#1** |
| **צו טוישן א באס סטאפ** | **#2** |

**פאר סיי וועלכע פראגע וועגן טראנספארטעישן**

**ביטע רופט: 1123 Ext: 718-797-2888**

**עס איז ראטזאם צו אויסהערן כסדר די מוסדות אינפארמאציע האט ליין**

**די נאמבער איז: 718-305-6100**

**מיט דאנק - ההנהלה**

**נייעס ליין שער הנגינה**

**געוועגדליך ווערט די שער הנגינה געאפדעיטעד**

**דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט**

**געלערנט מיט זיי. הערט און האט'ס הנאה**

**718 407-7460 1/5/6**

# ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער

וואס האבן שוין אנגעהויבן צו גיין ביי אונזער חדר

**שלום דוב הורוויץ, אליעזר שאול הירש, יודא ארי' מיטעלמאן, שמשון אליעזר ראזענבערג, שמעון אונגאר, אברהם קרעמער**

# וראה בנים לבניך שלום על ישראל

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב

פאר אונזער חשוב'ן איבערגעגעבענער מיטארבייטער ה"ה

**הרב יהודא טרייטל פרענקל שליט"א**

לכבוד די געבורט פון זיין אייניקל

א אינגל ביי זיין איידעם האברך המפואר תמים למעלות כש"ת

**הרב יצחק אייזיק ראטה שליט"א**

**בן כבוד הגה"צ המהולל ומפואר בפי כל ה"ה**

**רבי ברוך דוד ראטה שליט"א**

**אבד"ק מראה יחזקאל**

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט שטענדיג צוזאמען מיט אייער בני בית זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך בבני מזוני וחיי וסייעתא דשמיא, רב הונ"א ורב חסד"א רב חנינ"א ורב חיי"א, מיט פילע השפעות טובות און פרייליכע הערצער מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

## בשורה טובה ומשמחת

**מיט פרייד טוהן מיר מעלדן** פאר די חשוב'ע עלטערן אז עס איז נאכאמאל דא צו באקומען **ביי אונז אין חדר** און אויך ביי די לאקאלן פון קרן שמואל ישעי' **דער הערליכער שבועות סי-די "ערב שבועות אין חדר"** וואס מיר האבן ארויסגעגעבן פארגאנגענע יארן, **עס איז צוגעשטעלט געווארן** מיט אסאך אינטערעסאנטקייטן, א רייכע פארציילונג שיין באגלייט מיט שטויענדע Sound Effects.

<u>צוליב די ימי ספירה איז דאס אן מוזיק</u>

**עס איז שטארק אינטערעסאנט** פאר די קינדער דאס צו הערן, זיך צו באקענען מיט אלע ענינים פון דעם יום טוב שבועות לויט זייער פארשטאנד. דאס האלט די קינדער שטארק געשפאנט. עס איז הערליך שיין אויפגעשפילט און אראפגעלייגט.

- **מתן תורה**
- **דוד המלך,**
- **אקדמות מיט די מעשה רבי מאיר ש"ץ.**




*ישעי' יצחק הכהן רובין, מנהל סאטמאר קינדערגארטן*

**אדרבה!** אז איר קויפט דאס פאר אייער קינד, וועט ער לעבן מיטן יו"ט שבועות, ער וועט אייך שטענדיג דאנקבאר זיין דערפאר בעז"ה.

**א פרייליכן יו"ט.**

**דאס איז די זעלבע סידי פון פאריאר**

**עס איז מעגליך אז איר האט דאס שוין.**

**עס קאסט $5.00 אויב ווילט איר דאס קויפן שיקט דאס געלט אין אן ענוועלאופ ארויף געשריבן די נאמען פונעם קינד אז דאס איז פאר א סידי.**

**נ.ב. אויך איז דאס דא צו באקומען אין א USB פארמאט ביי די קרן שמואל ישעי' לאקעישנ'ס.**

## אויפמערקזאמקייט – להסיר מכשול

עס איז אן איינגעפירטע זאך אין חדר אז יעדעס מאל ווען די קינדער עסן פליישיג'ס פאר מיטאג שיקט מען א מעלדונג פאר די עלטערן סיי א טאג בעפאר און סיי אין דעם טאג וואס די קינדער האבן געגעסן פליישיג, כדי די עלטערן זאלן וויסן און קענען זיין אפגעהיטן מיט די הלכה. עס מאכט זיך אבער אז קינדער לאזן איבער די צעטליך אדער אין חדר אדער אויפן באס.

**מיר לייגן דאס געוועגדליך אויך ביי די טעלעפאן נייעס פון יענעם טאג.**

<u>**עס איז כדאי צו וויסן, אז די קינדער האבן פליישיג'ס א יעדן דריטן דינסטאג.**</u>

# מזל טוב ווינקל

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
יוסף מאיר ב״ר יצחק גאנדל נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי׳ מאיר פאגעל שליט״א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
קלמן אליעזר ב״ר יואל בעריש עקשטיין נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי׳ מאיר פאגעל שליט״א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
ישעי׳ ב״ר יוסף שמואל הירש נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי׳ מאיר פאגעל שליט״א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
משה בן הרב הילל הלברשטאם נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ״ץ שליט״א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
לוי יצחק ב״ר ברוך יודא אייזיג נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ״ץ שליט״א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
אלימלך ב״ר משה יודא הירש נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ״ץ שליט״א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
משה חיים דוד ב״ר יצחק יאזשעף נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ״ץ שליט״א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
משה ב״ר מרדכי פריעדמאן נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יעקב מאיר סרוגא שליט״א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
ישעי׳ בן הרב יואל אשר אנשיל הורוויץ נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יעקב מאיר סרוגא שליט״א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
ליפא ב״ר שמואל בנימין סופר נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט״א
הרב ירמי׳ סג״ל לעווי שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
ישעי׳ דניאל ב״ר יוסף ב״ר אברהם יצחק באירה נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט״א
הרב ירמי׳ סג״ל לעווי שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
ליפא ב״ר שלמה זלמן גריזנפעלד נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט״א
הרב ירמי׳ סג״ל לעווי שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
הערשל הכהן ב״ר יוסף הכהן לאנדא נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
יוסף בן הרב יעקב נחמן ווארפמאן נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט״א
הרב ירמי׳ סג״ל לעווי שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
יעקב עקיבא הלוי ב״ר בנימין שישא נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט״א
הרב ירמי׳ סג״ל לעווי שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
אברהם ב״ר אבא קרעמער נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
וואלוי ב״ר נחמי׳ מייער נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
יושע ב״ר פסח יודא קאהן נ״ו
לכבוד זיין אפשערן אום ל״ג בעומר
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
אברהם ב״ר יוסף שמואל שטערן נ״ו
לכבוד זיין מומע איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי׳ מאלח שליט״א
הרב מאיר יעקב גאלדבערגער שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
שמואל ב״ר מאיר משה שפיטצער נ״ו
לכבוד זיין מומע איז א כלה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
נפתלי בן הרב נחום טייטלבוים נ״ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
שמואל ב״ר אליעזר אלי׳ מאשקאוויטש נ״ו
לכבוד זיין ברודער׳ס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט״א
הרב יואל לעבאוויטש שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
אלי׳ ב״ר יחיאל יודא גליק נ״ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אברהם הלוי בערגער שליט״א
הרב יחיאל שטעסל שליט״א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
יצחק מנחם ב״ר משה ארי׳ זובניק נ״ו
לכבוד זיין מופן צו די נייע הויז
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אברהם הלוי בערגער שליט״א
הרב יחיאל שטעסל שליט״א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**

# מזל טוב ווינקל

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה אברהם** ב"ר יצחק יודא **מאשקאוויטש** נ"ו
**לכבוד זיין שוועסטער איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אברהם יעקב** ב"ר שאול ירמי' **גלאנצער** נ"ו
**לכבוד זיין מומע איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יצחק קארפען שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלום יוסף** בן הרב משה יצחק **בערנשטיין** נ"ו
**לכבוד זיין ברודער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יעקב** ב"ר יוסף שמואל **הירש** נ"ו
**לכבוד זיין ברודער'ס אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**נפתלי** ב"ר שמשון **בראדי** נ"ו
**לכבוד זיין מומע איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יחזקאל יוסף כהן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יוסף יואל** ב"ר יעקב מרדכי **טייטלבוים** נ"ו
**לכבוד זיין ברודער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב שמעון הלוי שטיינבערגער שליט"א**
**הרב שמעון פריעד שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ישעי'** ב"ר יצחק יודא **ווערטהיימער** נ"ו
**לכבוד זיין מומע איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מענדל** ב"ר אברהם הערש **שווארטץ** נ"ו
**לכבוד די געבורט פון זיין ברודער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ישעי'** ב"ר ישראל אפרים **בערנשטיין** נ"ו
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה** ב"ר ישראל **ווייס** נ"ו
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כהנא שליט"א**
**הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יוסף** ב"ר הרב חיים זאנוויל **געלדצעהלער** נ"ו
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ישראל מנחם** ב"ר בנימין **שלאגער** נ"ו
**לכבוד זיין מומע איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים** ב"ר אברהם **דייטש** נ"ו
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ישעי'** בן הרב יואל אשר אנשיל **הורוויץ** נ"ו
**לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חנני' יו"ט ליפא** ב"ר אברהם חיים **ווייס** נ"ו
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל ארי' מאלח שליט"א**
**הרב מאיר יעקב גאלדבערגער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ליפא** ב"ר יואל בר"א **עקשטיין** נ"ו
**לכבוד די געבורט פון א ניכטע**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יודא לייב פוקס שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**מרדכי** ב"ר חיים הערש **יאקאב** נ"ו
**לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל טויב שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**וואלווי** ב"ר אברהם **דייטש** נ"ו
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א**


## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג




שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,
מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קריי"ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**, סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקלעך"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.
**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**





**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**